


יידישער שרייבער־פאַראיין אין ישראל — לייוויק־הויז

# ארכיוו פון דער יידיש־ליטעראַטור אין ישראל

ל־אביב, רח׳ דב הוז 30 ● פאָסט־קעסטל 11100 ● טעלעפאָן 231830


## פרעגבויגן*)

1. פאַמיליע־ און פערזענלעכער נאָמען עובדיה פעלד Owadia Feld

(סיי מיט יידישע און סיי מיט לאַטייניש אותיות)

2. אין פאַל דער פאַמיליען־נאָמען איז געענדערט, אָנגעבן דעם פריערדיקן

(סיי מיט יידישע און סיי מיט לאַטייניש אותיות)

3. שרייבער־נאָמען (הויפּט־פסעוודאָנים)

4. נעמען פון די עלטערן און פאַמיליען־נאָמען פון דער מוטער רחל און יהושע (ציגעלוואקס)

5. דאַטע פון געבוירן: טאָג 13 חודש 7 יאָר 1917
(ווערליק דעם אַלגעמיינעם קאַלענדאַר)

טאָג חודש יאָר
(ווערליק דעם יידישן קאַלענדאַר)

6. אָרט פון געבוירן: שטאָט לובלין לאַנד פוילן

7. פולער אַקטועלער אַדרעס גבעתיים, הפלמח 13 טעלעפאָן 36608

8. אַקטועלע פּראָפעסיע, אָדער פּרנסה־געביט אויסער שריפטשטעלעריי

9. משפחה־שטאַנד פארהייראט נאָמען פון דער פרוי חוה

נעמען פון די קינדער חנה, יהושע

10. ווען עולה געווען אין לאַנד אַריין און פון וואַנען 20.4.1951 פון מינכן - דייטשלאנד

11. בילדונג העכערע

12. אַקאַדעמישע טיטלען

13. מיטגלידערשאַפט אין פראַטערנאַלע, פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אגודת עתונאים

14. ווען און ווו דעביוטירט
(אָנגעבן די דאַטע און דעם מקור)

15. אַרויסגעגעבענע ביכער

(אָנגעבן די נעמען פון די ביכער, ווען דערשינען און אין וועלכע פאַרלאַג. ביי מערערע ביכער — ביילייגן אַ באַזונדער ביבליאָגראַפישע רשימה)

*) שרייבן ווי מעגלעך דייטלעך; די לאַטיינישע אותיות שרייבן מיט אָנהייב־אותיות (ווערסאַליק).

16. אין וועלכע צייטונגען און צייטשריפטן זיך באַטייליקט ? לעצטע יאָרן, „נורולי־דרור", יידישע צייטונג, „היינט", און אַנדערע יידישע צייטונגען אין פאַרשידענע לענדער

17. אין וועלכן כאַראַקטער זיך באַטייליקט אין צייטונגען און אין צייטשריפטן ? ..................

(סטאַבילער מיטאַרבעטער, אָדער ביישטייערער)

18. אויב פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען — אונטער וועלכע ? ..................

19. אויב רעדאַגירט ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן — וועלכע און ווען ? אין מולכן: „די ציוניסטישע שטימע" און „אַנדערע וועג"

20. אויב באַקומען ליטעראַטור־ אָדער אַנדערע פּרייזן — וועלכע און ווען ? ..................

21. אויב געשריבן אין אַנדערע שפּראַכן אויסער יידיש — אין וועלכע ? אין דער פּוילישער צייטונג „נורולי־דרור"

22. וועלכע אַרבעטן האָט איר נישט אַרויסגעגעבענע אין דרוק ? ..................

(אויסרעכענען די אַרבעטן און זייערע מחברים)

23. האָט איר איבערגעזעצט אויף יידיש פון אַנדערע שפּראַכן ? ..................

24. זענען אייערע אַרבעטן איבערזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן — אין וועלכע און דורך וועמען ? ..................

(אויסרעכענען וועלכע אַרבעטן)

25. צי האָט איר ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן אייערע אַרבעטן ? וועגן אַלע, וועגן אַ טייל — וועלכע ? ..................

26. צי לייגט איר ביי צו דעם בויגן ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן ? ..................

27. אין וועלכע לעקסיקאָנען, ביבליאָגראַפישע ווערק און אַנדערע איז וועגן אייך געשריבן געוואָרן און דורך וועמען ? ..................

28. געפינען זיך ביי אייך מאַטעריאַלן פון אַרכיוואַלן ווערט וועגן אַנדערע יידישע שרייבער (בריוו, כתב־ידן א״א) ? ..................

29. זענט איר גרייט די אויבנדיקע מאַטעריאַלן איבערגעבן אין אונדזער אַרכיוו (עווענטועל צו קאָפּירן) ? ..................

מיר בעטן ביילייגן אַ קורצע אויטאָביאָגראַפיע און עטלעכע פאָטאָס פון פאַרשיידענע תקופות.

אָרט תל־אביב דאַטע 28.2.71

ע. פרלז

אונטערשריפט



מיט מין טאטעה חלו

מינכן 1949



082

PHOTO KARAT
TEL-AVIV

-7.1.63

עובדיה פעלד,תל-אביב,הפלמח 13

# אויטאביאגראפיע

איך בין געבוירן געווארן אין לובלין-פוילן אין 13-טן יולי 1917.מיין פאטער יהושע איז געווען א מאנופאקטור סוחר.די פאלקס-שולע און מיטל-שולע האב איך געענדיקט אין לובלין.פון 1936 ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה האב איך שטודירט אין דער זשורנאליסטישער הויך-שולע אין ווארשע.

די מלחמה יארן האב איך פארבראכט אין ראטנפארבאנד.14 מאנאטן בין איך געווען פארשיקט אין אן ארבעטס-דארף מארזא אין ארכאנגעלסקער גובער-ניע און נאך דער באפרייאונג האב איך מיט מיין פרוי געלעבט אין דער מאדזשיקישער רעפובליק(אין שטעטל אורא-טיובע).

אין יאנואר 1946 בין איך צוריקגעקומען קיין פוילן.אין מיין היימאט-שטאט לובלין בין איך געווען נאר 8 טעג.פון דארט בין איך אוועק קיין לאדזש,ווו איך בין געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער קאארדינאציע, וואס האט זיך פארנומען מיט אויסלייזן הונדערטער יידישע קינדער פון קריסטלעכע הענט.

א געוויסע צייט בין איך געווען טעטיק אין דער"בריחה" אין בראטיסלא-טשעכאסלאוואקיע און פון דארט בין איך אוועק קיין מינכן.אין מערב-דייטש האב איך רעדאגירט 2 צייטונגען:"די ציוניסטישע שטימע"(ארגאן פון די אלגע מיינע ציוניסטן)און פון אונדזער וועג(ארגאן פון צענטראל קאמיטעט פון ד שארית הפליטה).איך בין אויך געווען לייטער פון דער אפטיילונג פאר עפענטלעכע ענינים אין צענטראל-קאמיטעט פון די יידן פון דער שארית הפליטה.דעם 20-טן אפריל 1951 בין איך געקומען אין לאנד אריין.